פרשת לך לך ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון כ"ה ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

הבינוני
"לבבו להשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר בראשית
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

## בך בטחתי

**ושוא תשועת אדם;**
השתדלות העלפט גאָרנישט

יום שני דברים, ד' אב תשע"ט

א

## לוכד חכמים בערמם; בטחון אין די אייגענע כוחות ברענגט אויטאָמאַטיש אַז די הצלחה זאל קאַליע ווערן

### זיך פאַרלאָזן אויף אַ זאַך האַקט אָפּ די געטליכע חיות דערפון

דער **חובת הלבבות** אין זיין פּתיחה צו דעם **'שער הבטחון'** רעדט אַרום אַלע תועלת'ן וואָס אַ איד האָט פון זיין אַ בוטח בה'. אַלס די ערשטע יסוד שטעלט ער אַוועק אַז איינער וואָס איז בוטח אין זיין 'חכמה', אין זיינע 'תחבולות', אין זיין 'כח גופו' אָדער אין זיין 'השתדלות', וועט דאָס ברענגען אַז ער זאָל פאַרלירן זיין געלט, זיין כח און זיין חכמה. **דאָס זיך פאַרלאָזן אויף זיינע אייגענע מעגליכקייט וועט ברענגען אַז אַלעס זאל קאַליע גיין און ער וועט בלייבן מיט גאָרנישט.**

דער הייליגער **באַרדיטשובער רב** זי"ע אין ספה"ק **קדושת לוי** (פירושי אגדות חז"ל) ברענגט דעם זעלבן יסוד, בשם זיין גרויסער רבי, דער הייליגער **מעזריטשער מגיד** זי"ע, אַז ווען אַ מענטש שטעלט אַוועק זיין בטחון אויף סיי וועלכע זאַך פון עולם הזה, ווייזט ער דערמיט כאילו יענע זאַך האָט ח"ו אַ כח צו טון עפּעס אָן דעם רבוש"ע, און **דורכדעם ווערט אויטאָמאַטיש אָפּגעהאַקט דערפון די חיות און שפע פון דעם אויבערשטן!**

אויב אַ מענטש טראַכט אַז אַ געוויסע זאַך קען אים העלפן, **צייגט ער דערמיט כאילו ס'איז חלילה דאָ עפּעס אַן אַנדערע כח חוץ השי"ת;** ממילא וועט נפסק די שפע וואָס איז מחי' די זאַך! ווייל יעדע זאַך אויף דער וועלט באַקומט דאך זיין חיות פון דעם שם ה' וואָס איז דאָס מחי', און אַז דער מענטש שפּירט אַז די זאַך קען אים העלפן אָן השי"ת ח"ו, ווערט דאָס אָפּגעהאַקט פונעם אויבערשטן! מיט **דיין אייגענע מחשבה האָסטו מפסיק געווען די חיות פון דער זאַך!**

### אַז מען 'ממליך' די חכמה שטאַרבט עס אָפּ...

דער קדושת לוי שרייבט דאָרט אַז לויט דעם יסוד האָט ער געהערט פון זיין רבי, דער גרויסער מגיד זי"ע, דער פּשט אויף די פּרשה (סוף פּרשת וישלח) פון "ואלה המלכים אשר מלכו בארץ אדום". די תורה רעכנט דאָרט אויס עטליכע פּסוקים פון מלכים וואָס האָבן מולך געווען און דערנאָך זענען זיי געשטאָרבן - "וימלוך... וימת".

על פּי קבלה גייט דאָס אַרויף אויף דעם ענין פון 'שבירת הכלים', אַז איידער די בריאה איז געווען נאָך העכערע וועלטן וואָס זענען בטל געוואָרן, אָבער מיר ווייסן דאך אַז **יעדע זאַך וואָס איז עפ"י קבלה האָט אויך אַ פּשט וואָס איז נוגע פאַר אונז אויף למעשה,** און ס'איז נישט קיין סתירה.

זאָגט דער גרויסער מגיד פּשט פון די פּסוקים "וימלוך... וימת" איז אַז אויב דער מענטש איז 'ממליך' סיי וועלכע זאַך, **דאָס הייסט אַז ער גיט אַ 'מלוכה' פאר יענע חכמה אַז דאָס וועט אים העלפן; אָדער ער גיט אַ 'מלוכה' פאר אַ געוויסן מענטש, אַז יענער קען אים העלפן;** דעמאָלט פּאַסירט באַלד אַ "וימת" - די הצלחה ווערט קאַליע! ווייל דיין מחשבה האָט אַוועקגענומען די חיות פון דער זאַך, צוליב דעם וואָס דו האסט זיך בוטח געווען דערויף!

דאָס איז ממש די זעלבע יסוד פון דעם חובת הלבבות, אַז יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש פאַרלאָזט זיך במחשבה אויף אַ זאַך, כאילו דאָס האָט אַליינס אַ כח אים צו העלפן, איז ער גורם אַז די זאַך זאל שטאַרבן און בטל ווערן.

אַלעס אויף דער וועלט באַקומט חיות פון השי"ת און מיט אַזאַ מחשבה מאַכט מען אַז דאָס געלט שטאַרבט אָפּ; די חכמה שטאַרבט אָפּ; **ווייל דאָס חיות דערפון איז אַוועקגעפלויגן** צוליב דיין אומריכטיגע בטחון!

**אותיות מחכימות** — ספה"ק "קדושת לוי" (אגדות חז"ל שבסוף הספר)

כשאדם שם ביטחונו באיזה דבר מטובות העולם הזה, הוא מראה כאילו אותו דבר יש לו ח"ו כוח להפעיל זולת הבורא ברוך הוא, ממילא נפסק מזה הדבר דביקות ושפע של הבורא ברוך הוא.

וזה ששמעתי ממורי הגאון בוצינא קדישא המפורסם מו"ה דוב בער זלה"ה מ"מ דק"ק מעזריטש פירוש 'וימלוך וימת', כיון ששם אדם הביטחון באיזה דבר, הוא ממליך אותו על עצמו ונפסק הביטחון ממנו יתברך שמו, לכן נגרע פרנסתו ממנו, וזהו וימת.

## ווען מען גיסט אַריין אין אַ לעכעריגע פלעשל...

דאָס איז דער יסוד פון אַלע יסודות - אַז ווען אַ מענטש איז זיך בוטח אין זיין 'געלט', אין זיין 'חכמה' אָדער אין זיינע 'תחבולות' **איז דאָס גופא די גרעסטע סיבה אַז די זאַך זאָל נפסק ווערן!**

ס'איז זייער גרינג דאָס צו לערנען און זאָגן, אָבער **מיר כאַפּן נישט ווי שטאַרק אונזער גאַנצער מהלך המחשבה איז פאַרמישט מיט אַזעלכע סאָרט מחשבות!** אפילו ווען מען איז עוסק אין 'אמונה ובטחון', מען קען אפילו נאָכזאָגן שיינע מימרות אויף בטחון. דער מענטש קען זיך אויסדרוקן: "כ'האָב שוין דורכגעלערנט 'שער הבטחון', כ'קען עס אפילו בעל פה", **אָבער מען פאַרפאַסט אַן איידעלע נקודה וואו איז ממש אַן עיקר און אָן דעם קען מען נישט גיין ווייטער!**

עס קען זיך טרעפן מענטשן וואָס זענען צעבראָכן, זיי לערנען 'אמונה ובטחון' אָבער זיי זענען נאָכנישט געהאָלפן געוואָרן. דאָס איז אַביסל גלייך צו איינער וואָס גיסט אַריין אין אַ כלי אָבער אונטן איז דאָ אַ לאָך וואו ס'רינט כסדר אַרויס, און דער מענטש ווייסט נישט פאַרוואָס די כלי ווערט נישט אָנגעפולט...

דער חובת הלבבות לערנט אונז אַז עס זענען פאַראַן געוויסע סאָרט מחשבות, וואָס די מחשבות מאַכן קאַליע אַלעס! **אויב מען פאַרלאָזט זיך אפילו עטוואָס אויף די אייגענע חכמה אָדער השתדלות דעמאָלט איז מען בידים מפסיד די שפע און די חיות!** איז דאָך נישט קיין שום קשיא פאַרוואָס מען זעט נישט קיין הצלחה! מ'דאַרף אַרומדרייען גענצליך די נישט ריכטיגע מחשבות און דעמאָלט וועט מען זען אַז די בטחון וועט ווייטער גוט אַרבעטן!

## דער חובת הלבבות רעדט נישט בלויז צו 'עשירים'...

די סיבה פאַרוואָס מען כאַפּט נישט אָט די נקודה, איז ווייל געוויינליך ווען מען לערנט 'שער הבטחון', וואו דער חובת הלבבות זאָגט אַז מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף די אייגענע 'עושר' און 'חכמה', טראַכט מען גלייך אַז דאָ רעדט מען צו אַן עושר אַז ער זאָל זיך נישט בוטח זיין אויף זיין עשירות.

דאָס מאַכט אויטאָמאַטיש אַז דריי-פערטל פּראָצענט מענטשן מאַכן זיך דעם חשבון אַז די ווערטער זענען נישט נוגע פאַר זיי: **"איך בין זיך נישט בוטח אין מיין עשירות, כ'האָב דאָך נישט אין וואָס..."** און אפילו אַזעלכע וואָס האָבן יאָ געלט, מיינען אַז דער חובת הלבבות רעדט אַז מען זאָל געבן מער צדקה און מען זאָל געדענקן אַז דער רבוש"ע קען צונעמען די גאַנצע געלט אין איין מינוט.

אָבער באמת איז דאָס אַ גרויסער טעות. ווייל דער חובת הלבבות האָט בלויז אָנגעכאַפּט די משלים פון 'חכמה' מיט 'עושר' **אַלס אַ ביישפּיל,** אַז אַ מענטש זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיינע אייגענע פעאיגקייטן! יעדער מענטש האָט טויזנטער אַנדערע זאַכן וואָס פּאַסירט במשך זיין טאָג, וואָס ער כאַפּט נישט ווי שטאַרק ער איז זיך בוטח אויף די אַלע זאַכן, אַנשטאָט וואָס ער זאָל זיך פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן, און דאָס איז די סיבה פאַרוואָס ער איז נישט מצליח, ווייל **זיין אומריכטיגע בטחון בעצמו הרג'עט אַוועק דאָס חיות פון די הצלחה און שפע!**

ב

# מה יעשה לי אדם; ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך אַז 'השתדלות' זאָל העלפן, אויך נישט אַביסל

## אונזער נאַטורליכע אינסטינקט אַז: "מ'דאַרף עפּעס טון למעשה"...

ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין אַ גרויסער פּראָבלעם חלילה, איז געוויינליך נישט אַזוי שווער זיך צו פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן. ווען אַ איד דאַרף טון אַ שידוך און ס'רוקט זיך גאָרנישט, איז אַסאַך גרינגער צו זיין אַ בוטח בה', ווייל דער מענטש האָט סייווי נישט קיין אַנדערע אויסוועג, ער האָט שוין אַלעס פּרובירט, ער האָט שוין אָנגערופן דעם און יענעם, און גאָרנישט גייט נישט, בלייבט אים איבער איין זאַך: צו זאָגן נאָך אַפּאָר קאַפּיטלעך תהלים און זיך סומך זיין אויף השי"ת.

אָבער ווען עס קומט אונטער די קליינע פּראָבלעמען, דעמאָלט איז גלייך דאָ די נאַטירליכע אינסטיקט אין אונזער מח אַז מ'דאַרף עפּעס טון אויף 'למעשה' און אַזוי וועט מען דאָס מסדר זיין... דער מענטש זאָגט: **"ס'איז דאָ אַ פּראָבלעם?! בסדר, כ'וועל עס שוין מסדר זיין! מען דאַרף אָנרופן יענעם?! איך רוף אים שוין!"**.

די וועלט איז אויסגעשטעלט אַז אויב דאַרף מען עפּעס ערלעדיגן טוט מען דאָס "במעשה", נישט "בדיבור ובמחשבה". מיר זענען איינגעוואוינט אַז ביי יעדע סאָרט קאָמפּליקאַציע דאַרף מען עפּעס טון דערצו און **מיר גלייבן אין דער פעולה!** מען קען אָפּט הערן אַזאַ שפּראַך ווי: "אַז איך וועל גאָרנישט טון, וועט גאָרנישט געשען... פון זיצן אַ פיס אויף אַ פיס וועלן זאַכן נישט ווערן מסודר... אַ מענטש דאַרף טון וואָס מ'האָט צו טון...".

## די לעזונג צו פּראָבלעמען איז נישט די 'השתדלות'

דער אמת איז דאָס אַז דאָס איז פשוט אומריכטיג! די וועג וויאַזוי זאַכן ווערן מסודר האָט בכלל נישט צוטון מיט אונזערע פעולות! **אונזערע פּראָבלעמען ווערן נישט געלעזט צוליב אונזער השתדלות!** אַלעס וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט ווערט דאָך געפירט דורך דעם אויבערשטן, קומט אויס אַז בלויז אונזער תפלה, אונזער צדקה, און אונזער מחשבה פון אמונה, **דאָס זענען די אמת'ע זאַכן וואָס זענען מסדר דעם פּראָבלעם!**

> יעדער מענטש האָט טויזנטער אַנדערע זאַכן וואָס פּאַסירט במשך זיין טאָג, וואָס ער כאַפּט נישט ווי שטאַרק ער איז זיך בוטח אויף די אַלע זאַכן

דאָס איז זייער שווער פאַר מענטשן צו הערן און מקבל זיין, ווייל מיר זענען איינגעוואוינט אַז "מעשה" איז די שטאַרקסטע זאַך, און וידעראום "מחשבה" און "דיבור" זענען שוואַכער. דעריבער וועט אַ מענטש זיך אַריינלייגן צו טון אַ 'מעשה' פון השתדלות און העכסטנס וועט ער טראַכטן אַז אודאי קען צוהעלפן אַ תפלה בעפאָר, אָדער אַ פּרוטה פאַר צדקה...

## 'בטחון' און 'תפלה' העלפן נישט צו; דאָס איז די איינציגע גורם פאַר הצלחה!

אפילו אַזעלכע מענטשן וואָס זענען עוסק אין 'אמונה ובטחון' האָבן נאָך אַלס דעם בליק אַז ניינציג פּראָצענט פון די הצלחה פּאַסירט אַדאַנק די 'פעולה' וואָס מען טוט, נאָר אודאי דאַרף מען אויך האָבן סייעתא דשמיא, אָדער אַ ברכה פון אַ צדיק, וואָס זאָל 'באַגלייטן', כאילו די זאַך וואָס מען טוט למעשה, דאָס איז די עיקר גורם פאַר דער הצלחה...

דער אמת איז ממש פונקט פאַרקערט: **דער פּראָבלעם ווערט מסודר ווייל דער רבוש"ע האָט דאָס ערלעדיגט!** אונזער 'השתדלות' איז בסך הכל אַ תנאי, וואָס מען דאַרף טון כדי די ברכה זאָל האָבן ווי צו חל זיין, גאָרנישט מער!

ווען מיר זענען מסדר פּראָבלעמען שפּירט דער מענטש אַז דאָס ווערט געלעזט דורך די 'פּעולה'. דאָס איז אָבער נישט אמת און דאָס ברענגט אַז מיר זאָלן זיך פאַרלאָזן אויף די עשי', וואָס דורכדעם ווערט חלילה אָפּגעהאַקט די שפע!

פון אַזאַ סאָרט מחשבה רעדט דער חובת הלבבות אַז דאָס ווערט אָנגערופן: **"הבוטח על חכמתו ותחבולותיו וכח גופו והשתדלותו"**. מיר זאָגן טאַקע אַז: "מען דאַרף מתפּלל זיין, מען דאַרף האָבן בטחון", אָבער נאָכדעם זענען מיר זיך ליידער בוטח אין אונזער השתדלות! **דאָס איז למעשה וויאַזוי אונזער קאָפּ אַרבעט!** און דאָס איז אַ חורבן וואָס ברענגט אַז די השתדלות זאל טאַקע נישט העלפן!

דער חובת הלבבות זאָגט אונז: ווייל דו האסט געלערנט אַז מען דאַרף עוסק זיין 'השתדלות', מיינסטו שוין אַז עס העלפט... **זאָלסט וויסן אַז ס'העלפט גאָרנישט! אפילו נישט קיין משהו!** ס'איז בלויז אַ 'סיבה' וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַז מ'דאַרף עס טון!

## 'אַביסל' בטחון בעצמו ברענגט 'אַביסל' הפסד

דער חובת הלבבות שרייבט שפּעטער אַז ס'איז דאָ אַזעלכע בעלי בטחון וואָס זיי דאַרפן בכלל נישט טון קיין השתדלות, דאָס מיינט אַז אפילו אויב מיר זענען נאָכנישט אין דער הויכע מדריגה, און מיר דאַרפן נאָך יאָ טון השתדלות, **העלפט עס אָבער ממש גאָרנישט!**

אונזער מהלך המחשבה אַרבעט אַז אויב דאַרפן מיר טון השתדלות דעמאָלט מסתם העלפט עס אַביסל... מיר זענען זיך בוטח דערינען, און דאַן זען מיר אַז ס'אַרבעט נישט! פּרובירן מיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און מיר וואונדערן זיך: "כ'האָב דאך יאָ מתפּלל געווען, כ'האָב דאך יאָ געהאַט אמונה און געלערנט בטחון, פאַרוואָס קומט עס נישט אָן?!" דער חובת הלבבות גיט אונז דעם ענטפער: ווייל מיר האָבן זיך אויך פאַרלאָזט, אפילו אַביסל, אויף אונזער השתדלות!

> **דער חובת הלבבות גיט אונז דעם ענטפער: ווייל מיר האָבן זיך אויך פּאַרלאָזט, אפילו אַביסל, אויף אונזער השתדלות!**

אין דער רגע וואָס מיר זענען זיך בוטח אויף אונזערע פּעולות האַלט דאָס אָפּ די גאַנצע שפע פון אָנקומען צו אונז, ווי ס'איז דער לשון פונעם חוה"ל: **"ואם יבטח על חכמתו ותחבולותיו וכוח גופו והשתדלותו, יעזבהו ה' לנפשו ויגע לריק ויחלש כוחו, ותקצר תחבולתו מהשיג חפצו".** - יעדעס ביסל 'בטחון בכחו ובתחבולותיו' מאַכט קאַליע אַביסל פון די 'הצלחה', און אַז ס'איז דאָ אַסאַך 'בטחון בעצמו' מאַכט מען אַסאַך קאַליע!

## טון השתדלות? יאָ! זיך פאַרלאָזן דערויף? חס ושלום!

ווערט אַ מענטש פרעגן: "ס'איז נישט דער רצון ה' אַז איך זאָל מאַכן השתדלות?!" - איז דער תירוץ פונעם חובת הלבבות אַז **אודאי דאַרף מען געווענליך יאָ מאַכן השתדלות!** אין מערסטנס פעלער איז אפילו **אַ 'חיוב'** צו טון די נויטיגע פּעולות פון השתדלות! אָבער אויב האָט מען 'בטחון' אין דער 'השתדלות' דאַן מאַכט דאָס חרוב ונחרב די גאַנצע זאַך!

לאָמיר זיך איינגעוואוינען צו לעבן מיט דעם מהלך המחשבה: **"מען דאַרף טון השתדלות, אָבער השתדלות העלפט גאָרנישט!"**, פאַרקערט גאָר, טאַקע וויבאַלד מיר 'פאַרלאָזן זיך' אויף די השתדלות, ברענגט דאָס אַז די הצלחה ווערט קאַליע!

די פּראָבלעם ווערט ווען דער מענטש שפּירט אַז ווייל ס'איז דער רצון ה' צו טון השתדלות קען ער זיך שוין אויך פאַרלאָזן דערויף!

## די בטחון אין אונזערע 'קאָנעקשאָנס' מאַכט עס קאַליע

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל פון מעשיות וואָס פּאַסירן יעדן טאָג: ראובן בעט פון שמעון: "טו מיר אַ טובה, רעדט מיט דעם גמ"ח אַז זיי זאָלן מיך באָרגן אַ געוויסע גרויסע סומע געלט". ס'גייט נישט דורך אַ קורצע צייט און שמעון רופט אים צוריק דערציילנדיג: "ס'איז מסודר, כ'האָב גערעדט מיט יענעם און כ'האָב געהערט פון זיין שטימע אַז ס'איז מיר געלונגען אים צו באַאיינפלוסן".

ראובן איז זיך אַצינד בוטח אויף די 'קאָנעקשאָנס' וואָס שמעון האָט אים געמאַכט. "איך האָב גענומען דעם פּאַסיגן מענטש, וואָס פאַרשטייט וויאַזוי צו משכנע זיין יענעם אַז ער זאָל מיך טון די טובה".

אַזעלכע מחשבות מאַכט פּשוט קאַליע דאָס גאַנצע געשעפט... אַז מען טראַכט 'אַביסל' אַזוי ווערט די הצלחה 'אַביסל' געשעדיגט און אַז מען טראַכט 'אַסאַך' אַזוי ווערט דאָס 'אַסאַך' געשעדיגט!

מיינט דאָס אַז מען זאָל נישט טון די השתדלות?! **ניין! מען דאַרף טון השתדלות וויפיל עס פאַרלאַנגט זיך!** אָבער מען זאָל אַגאַנצע צייט געדענקן אַז די תוצאה האָט גאָרנישט צוטון מיט דעם וואָס שמעון האָט אַזוי גוט משכנע געווען דעם מענטש, אפילו נישט במשהו!

**מען דאַרף דאך אַזוי שטאַרק אַרבעטן אויסצורייסן די סאָרט מחשבות**, ווייל ס'איז אונז זייער נישט לייכט צו כופר זיין אין דער גאַנצער אָנגעבליכער בריאה, וואָס זאָגט אונז אַז 'אויב מען טוט דעמאָלט פּאַסירט די רעזולטאַטן'!

ג

# ויהי למס עובד; 'השתדלות' איז בלויז אַ טעכנישע 'שטייער' וואָס יעדער אייניקל פון אדם הראשון דאַרף באַצאָלן

## אויב מען האָט באַצאָלט דעם שטייער האָט מען יוצא געווען

דער **מסילת ישרים** אין זיין ספר, סוף פּרק כ"א, שרייבט אַ געוואַלדיגע לשון וואָס איז כדאי אַז מען זאָל דאָס גוט אָפּלערנען; אַז די איינציגע זאַך וואָס קען העלפן פאַר אַ מענטש איז 'בטחון', **ווען ער וואַרפט אַרויף זיין גאַנצע פּעקל אויפ'ן אויבערשטן לגמרי**, און ער ווייסט קלאָר אַז ס'איז נישט מעגליך אַז ס'זאָל אים עפּעס פעלן פון וואָס מען האָט אים שוין באַשטימט אין הימל.

דער מסילת ישרים לייגט צו אַז דער באַגריף פון 'השתדלות' איז איינפאַך **אַזויווי אַ 'שטייער' וואָס יעדער מענטש דארף באַצאָלן, צוליב דעם חטא פון 'אדם הראשון'**, וואָס דעריבער האָט השי"ת גוזר געווען אַז מ'זאָל דאַרפן טון אַ געוויסע השתדלות ווי דער פּסוק זאָגט: "בכל משלח ידך אשר תעשה" - אַז דו ביזט אַן אייניקל פון אדם הראשון דאַרפסטו געבן שטייער, אָבער נישט ווייל השתדלות העלפט! **מען דאַרף עס בלויז טון אַלס אַ 'גזירת מלך' אָבער עס העלפט גאָרנישט!** אפילו קיין משהו העלפט עס נישט!

## די פּעולה האָט נישט קיין שייכות מיט די רעזולטאַט

דער רבוש"ע האָט אונז בלויז באַפוילן: **היות דו וואוינסט אויף דער וועלט און דו ביזט אַן אייניקל פון אדם הראשון בין איך דיך מחייב צו טון פּעולות פון השתדלות און נאָכדעם וועל איך דיך געבן די ברכה, נישט צוליב דעם!**

דאָס איז אַזוי ווי עלטערן וואָס זאָגן פאַר זייער קינד: "אויב וועסטו זיין אַכט אַזייגער אין בעט, וועסטו מאָרגן אינדערפרי באַקומען אַ גוטע זאַך".

### אותיות מחכימות

מסילת ישרים פרק כא

אמנם מה שיוכל לשמור את האדם ולהצילו מן המפסידים האלה הוא הביטחון, והוא שישליך יהבו על ה' לגמרי, כאשר יידע כי ודאי אי אפשר שיחסר לאדם מה שנקצב לו, וכמו שאמרו ז"ל במאמריהם (ביצה טז, א): "כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה", וכן אמרו (יומא לח, א): "אין אדם נוגע במוכן לחבירו אפילו כמלא נימא".

וכבר היה אדם יכול להיות יושב ובטל והגזירה (גזירת קיצבת מזונות שקצבו לו בראש השנה) היתה מתקיימת, אם לא שקדם הקנס לכל בני אדם, (בראשית ג, יט): "בזעת אפך תאכל לחם", אשר על כן חייב אדם להשתדל איזה השתדלות לצורך פרנסתו, שכן גזר המלך העליון, והרי זה כמס שפורע כל המין האנושי אשר אין להמלט ממנו.

על כן (הואיל וכך גזר המלך) אמרו (ספרי): "יכול אפילו יושב ובטל, תלמוד לומר: בכל משלח ידך אשר תעשה". **אך לא שההשתדלות הוא המועיל, אלא שהשתדלות מוכרח, וכיון שהשתדל הרי יצא ידי חובתו, וכבר יש מקום לברכת שמים שתשרה עליו, ואינו צריך לבלות ימיו בחריצות והשתדלות.**

וועט עמיצער קלערן אַז דאָס גיין אין בעט האָט געברענגט די נאַש?... ס'איז דאך פּשוט אַז דער טאַטע האָט עס געגעבן, נאָר ער האָט פאַרלאַנגט אַז דאָס קינד זאל קודם טון עפּעס אַן השתדלות, וואָס איז בכלל נישט פאַרבינדן מיט די תוצאה!

דאָס זעלבע זאָגט אונז דער רבוש"ע: **"אַז דו וועסט טון דיין השתדלות, וועל איך דיך געבן ברכה! דו דאַרפסט בלויז געבן דיין שטייער און דערנאָך וועט קומען די שפע פונעם אויבערשטן אליינס!"**. פאַרוואָס דאַרף מען געבן די שטייער?! פאַרוואָס דאַרף מען בכלל מאַכן השתדלות?! אָה, דאָס איז אַ באַזונדערע סוגיא וואָס מען דאַרף לערנען, אָבער **דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג אַז די השתדלות העלפט גאָרנישט, אפילו נישט קיין משהו!**

### מען דאַרף עוסק זיין אין דעם 'סדר הבריאה' אָבער אָן קיין אמונה דערינען

לאָמיר צוריקגיין צו דעם אויבנדערמאַנטן משל: ווען ראובן דאַרף האָבן אַ טובה פון יענעם, דאַרף ער טאַקע אָנרופן שמעון וואָס קען יענעם גוט משכנע זיין, ווייל דאָס איז דער 'סדר הטבע'; ס'איז די נאָרמאַלע מהלך פון השתדלות אַז ווען מען דאַרף אַ טובה פון איינעם, פּרובירט מען אים צו באַאיינפלוסן, **דאָס איז שכל'דיג לויט די נאַטירליכע מהלך פון דער בריאה און עס גייט אַריין אין דעם גדר פון אויסגעהאַלטענע השתדלות.** אָבער דאָס מיינט נישט אַז מען מעג זיך יעצט פאַרלאָזן אויף די השתדלות! **מען דאַרף געדענקן אַז די גאַנצע השתדלות איז "לא מעלה ולא מוריד" אויף די תוצאות!**

### אַז מען קוקט זיך אַרום אויף דער וועלט, איבערצייגט מען זיך ווי אמת דער כלל איז

דער חובת הלבבות לערנט אונז אויס וויאַזוי מיר קענען זיך מרגיל זיין מיט אַזאַ בליק. דער מענטש פרעגט: "איך כאַפּ נישט וואָס דו רעדסט. שמעון האָט געמאַכט אַ גוטע אַרבעט, כ'האָב באַקומען אַ טעלעפאָן רוף פון דעם גמ"ח אַז צוליב דעם וואָס שמעון האָט גערעדט צו זיי, האָבן זיי געמאַכט אַן אויסנאַם און זיי וועלן מיך געבן פופציג טויזנט דאָלער הלואה, וואָס זיי טוען געווענליך נישט פאר קיינעם, בלויז ווייל איך האָב גענוצט דעם ריכטיגן מענטש אויף די ריכטיגע פּלאַץ! וואָס זאָגסטו מיר אַז ס'העלפט גאָרנישט?!".

קומט דער חובת הלבבות אין זיין פּתיחה צום שער הבטחון און ברענגט די אַלע פּסוקים אַז מיר זאָלן זיך מתבונן זיין: **וויפיל מאָל איז דאָ וואָס מענטשן מאַכן אַלע ערליי השתדלות און עס העלפט "גאָרנישט"**, און לאידך גיסא, **וויפיל מאָל איז דאָ וואָס מענטשן טוען נישט גענוג און עס "אַרבעט יאָ"!** קוק זיך אום אויף די מציאות פון דער בריאה וועסטו זען אַז די הצלחה האָט גאָרנישט צוטון מיט די פּעולות! עס פּאַסירט בלויז ווען השי"ת גיט דאָס אונז!

אודאי דאַרף מען גיין מיט'ן סדר הטבע; אויב פעלט זיך אויס דאַרף מען זוכן אַ גוטן דאָקטער, אָדער אַ גוטן לויער, דאָס גייט אַריין אין דעם גדר פון ריכטיגע השתדלות, **אָבער אויב אַ מענטש ווערט 'היסטעריש', און ער הייבט זיך אן פאַרלאָזן אויף דעם דאָקטער אָדער דעם לויער, צייגט ער דערמיט אַז ער פאַרלאָזט זיך בלויז אויף יענעמ'ס חכמה** און דעמאָלט וועט עס חלילה נישט אַרבעטן!

**עס איז נישט קיין שום פּראָבלעם צו נעמען אַ בעסערן דאָקטער אָדער אַדוואָקאַט;** דער פּראָבלעם ווערט בלויז, ווען מיר מיינען אַז די השתדלות העלפט אַביסל, און דער חובת הלבבות שטעלט אונז קלאָר אַז מיט יעדעס ביסל 'בטחון' אין דער 'השתדלות' מאַכט מען זיך קאַליע בידים חלילה!

## חיזוק במאורעות הזמן

### לטוב לנו כל הימים;

פאַרשטיין די באַדייט פון אמת'ע טוב אויף דער וועלט - ח"ב

יום שלישי בראשית, כ"ה תשרי תשפ"ד

א

# לא המתים יהללו קה; די איינציגע 'תכלית החיים' איז אז מען קען אָנרירן נצחיות ווילאַנג מען לעבט

### די אמונה פון 'תחיית המתים' ברענגט אַרויס אַז אונזער תכלית איז אַסאַך מער פון עוה"ז

אין דעם ערשטן טייל פון דעם שיעור האָט מען אויסגעשמועסט די יסודות'דיגע ווערטער פון דעם הייליגן רמב"ם, וואָס שטעלט אונז אַראָפּ אַ געוואַלדיגע מהלך המחשבה, וויאַזוי צו אָנקוקן די תכלית פון דער וועלט, אַז די דריי זאַכן 'באַקוועמליכקייט', 'פאַרזיכערקייט' און 'תענוגים' זענען בלויז **אַ מיטל**, וואָס דורכדעם קענען מיר דערגרייכן דעם אמת'ן ציל, צו קענען דינען השי"ת מיט אַ ישוב הדעת און מגלה זיין כבוד שמו אויף דער בריאה.

אַלס אַ חלק פון אָט די הבנה - אַז אַלע באַקוועמליכקייטן און תענוגים אויף דער וועלט איז בלויז אַן 'אמצעי' צו אָנקומען צו דעם אמת'ן תכלית פון 'טוב' - האָבן מיר די ידיעה אַז ס'איז דאָ 'תחיית המתים'! **די אמונה אין 'תחיית המתים' מאַכט אונז קלאָר אַז מיר זענען דאָ פאר עפּעס אַ העכערן ציל, און מיר גייען בקרוב באַקומען אַ שלימות'דיגע טוב!** דעריבער איז דאָס איינס פון די אני מאמין'ס, ווייל מיר דאַרפן האָבן אין קאָפּ דער יסוד פון 'תחיית

המתים' וואָס גיט אונז די קלאָרקייט אין אונזער ציל.

### אַ איד לעבט בלויז צו אָנקומען צום תכלית הטוב פון דינען השי"ת

און דער אמת איז טאַקע אַז היות מיר זוכן דאָך צו אָנקומען צום אמת'ן תכלית, צו זיין דבוק אין דעם אויבערשטן - וואָס פאַרדעם איז אונזער נשמה אַנגעקומען אויף דער וועלט - דאַרפן מיר אָנקומען צו אַ געפיל און אן אמונה וואָס מיר זאָלן באמת גלייבן, אַז דער 'טוב' פון 'דביקות בהשי"ת' איז אַסאַך שטאַרקער ווי דער 'טוב' פון אונזער 'עולם הזה'!

דאָס איז ווירקליך אַ הויכע מדריגה, צו ליב האָבן דעם אויבערשטן מער פון אונזער לעבן, אָבער למעשה, ווען אַ איד שטייט פאַר אַ נסיון פון עובר זיין חלילה די ג' עבירות החמורות, דאַרף ער האַלטן דערביי! אַ איד דאַרף האָבן די קלאָרקייט: **"איך זוך נישט צו זיין באַקוועם, פאַרזיכערט אָדער תענוג, ווייל נישט דאָס איז מיין תכלית"**. ס'איז טאַקע דאָ אַסאַך אידן וואָס קענען זיך אויסדרוקן אין אַ רואיגע מינוט: **"אויב מיין לעבן איז אַ לעבן פון טון עבירות דעמאָלט למה לי חיים?! פאַרוואָס לעב איך? צו טון עבירות?"**.

### די נאַטירליכע ווילן צו 'לעבן' איז וויבאַלד מ'קען אַריינכאַפּן 'נצחיות'

דער אמת איז אַז ס'איז דאָ אַ כלליות'דיגע שאלה: "פאַרוואָס האָט אַ מענטש אַזאַ שטאַרקער רצון צו לעבן?! וואָס איז אַ שרעקעדיג צו אַוועקגיין פון דער וועלט?!". די ריכטיגע תירוץ דערויף איז אַז: **ווילאַנג אַ מענטש לעבט האָט ער די מעגליכקייט צו ווערן דבוק אין השי"ת דורך מקיים זיין תורה ומצוות! ווילאַנג ער לעבט רירט ער אָן 'נצחיות'!** דאָס איז די אמת'ע סיבה פאַרוואָס מענטשן ווילן לעבן!

מ'זעט טאַקע אַז ווען ס'קומט צו דער שאלה פון 'טויט אָדער לעבן' איז שוין פאר קיינעם נישט רעלעוואַנט די אַלע אַרומיגע שטותים פון תענוגים, געלט א.ד.ג. דאָס לעבן אליינס איז ביי אונז אַסאַך חשוב'ער פון אַלעס אויף דער וועלט. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?! **ווייל דער מענטש שפּירט אַז "דאָס איז נצחיות"!** ווילאַנג מען לעבט קען מען עפּעס טון מיט אונזער נשמה וואָס מען קען שוין נישט טון אויף יענער וועלט. לא המתים יהללו קה.

און טאַקע דערפאַר, וויבאַלד אונזער גאַנצע רצון צום לעבן איז נאָר ווייל מיר זאָלן קענען אָנקומען צום תכלית פון דביקות בהשי"ת, איז ווען אַ איד קומט אָן צו אַ נסיון פון 'יהרג ואל יעבור', צ.ב.ש. אויב ער גייט נישט דינען עבודה זרה וועט מען אים הרג'נען חלילה, מאַכט זיך דער איד אַ חשבון אַז: "איך האָב דאָך נישט געזוכט צו לעבן באַקוועם און פאַרזיכערט בלויז ווייל דאָס איז דער תכלית! איך האָב דאָך געוואָלט לעבן ווייל אַזוי וועל איך קענען דינען דעם אויבערשטן און אָנקומען צום תכלית! **אויב דאָס לעבן ברענגט נישט קיין תכלית זעה איך נישט קיין שום צורך דערפאַר! וואָס וועל איך האָבן פון לעבן באַקוועם אויב איך וועל חלילה זיין אָפּגעריסן פון השי"ת?!**".

> **"וואָס זאָגסטו מיר?! אַז אויב איך גיי דיך נישט פאָלגן, גייסטו מיך הרג'נען?! נו, זיי מיר מסביר דעם פּראָבלעם?!**

פאַרשטענדליך אַז מיר שפּירן נישט אַלעמאָל אין אַזאַ הויכע מדריגה, אָבער דאָס איז דאָך דער אמת! און אודאי' קען יעדער איד זוכה זיין צו האָבן די הרגשה אַז זיין תכלית איז עפּעס העכער ווי די פשוט'ע עולם הזה'דיגע לעבן פון באַקוועמליכקייט און רואיגקייט.

### מענטשן וואָס ווילן נישט געווינען דעם לאָטערי...

מען קען טרעפן הונדערטער אידן וואָס מיט'ן גאַנצן האַרץ ווילן זיי 'נישט' געווינען די לאָטערי' פון פינף הונדערט מיליאָן דאָלער! ער איז פשוט נישט אינטערעסירט דערינען! נישט וויבאַלד ער האַלט אַז ער גייט סייוו נישט געווינען, נאָר ווייל ער טראַכט: **"מה לי ולצרה הזאת?! וואָס גיי איך טון מיט אַזויפיל געלט?!"**. אַזעלכע מענטשן זאָגן: "קענסט מיר מסביר זיין וואָס עס פעלט מיך יעצט אויס אַזאַ מעשה?! איך בין פאַרנומען מיט אַסאַך וויכטיגערע זאַכן! עס פעלט מיך נאָך צוויי בלאַט גמרא צו ענדיגן די מסכתא, קענסט מיר אפשר העלפן דערמיט?! דאָס באַדערט מיך יעצט!".

דער מענטש שפּירט אַז **ער דאַרף האָבן געלט פאַר אַ תכלית; צו האָבן ישוב הדעת פאַר תורה און תפלה**, אָבער ער פאַרשטייט מיט אַ פשטות אַז ער דאַרף אפילו נישט אַזוי סאַך איבעריג געלט: "וואָס גיי איך טון דערמיט?!".

אַזוי איז דאָ ביי אַלע סאָרט זאַכן, ווען אַן ערליכער איד קען אַראָפּשטעלן אויפ'ן טיש און זיין קלאָר אַז די גאַנצע סיבה פאַרוואָס ער וויל האָבן 'באַקוועמליכקייט', 'זיכערקייט' און 'תענוגים' איז **בלויז ווייל דאָס גייט אים געבן רואיגקייט צו קענען ווערן מער נתקרב צום אויבערשטן** דורך דעם!

### 'איין' רבוש"ע מיט 'צוויי' וועלטן...

ס'איז באַקאַנט די מעשה פון הגה"ק רבי **יוסף יצחק מליובאַוויטש** זצ"ל וואָס די קאָמוניסטן האָבן אַרעסטירט ווייל ער האָט פאַרשפּרייט אידישקייט אונטער זייער רעזשים. דער פאַרשער וואָס האָט אים אויסגעפרעגט האָט אינמיטן אַרויסגענומען אַ ביקס און עס געלייגט צו זיין קאָפּ, און דער רבי"ץ האָט געוואוסט אַז ביז אַ סעקונדע קען דער רשע מקיים פסק זיין, אָבער ער האָט זיך צעשמייכלט און אים געזאָגט: **"די טשאַטשקע קען דערשרעקן מענטשן וואָס האָבן צוויי געטער און איין וועלט, אָבער איך האָב איין גאָט מיט צוויי וועלטן, האָב איך נישט קיין מורא דערפון!"...**

די נאַטירליכע רעאַקציע פון דעם רבי"ץ איז געווען: "וואָס זאָגסטו מיר?! אַז אויב איך גיי דיך נישט פאָלגן, גייסטו מיך הרג'נען?! נו, זיי מיר מסביר דעם פּראָבלעם?! דאָס גייט מיך נישט ברענגען ווייטער פון וואָס איך זוך! **אדרבה ס'גייט מיך ברענגען נענטער צו מיין תכלית!** אויב אַזוי מיט וואָס סטראַשעסטו מיך?!"

אודאי', צדיקים זענען געווען אויף דער דרגא, און מיר דאַרפן אַסאַך אַרבעטן אַז מיר זאָלן כאָטש אַביסל שפּירן די סאָרט הבנה. דאָס איז נוגע זייער אַסאַך מאָל אין דעם מענטש'ס לעבן, ווען אַ איד דאַרף זיך מתבונן זיין און זאָגן: "איך האָב טאַקע געוואָלט יענע זאַך, אָבער בלויז ווילאַנג דאָס ברענגט מיך צום תכלית פון עבודת השי"ת, אויב דאָס פירט מיך נישט צום תכלית, דעמאָלט דאַרף איך עס נישט מער האָבן!".

ב

## והיו הדברים האלה על לבבך; מיר דאַרפן דערהערן שטאַפּלווייז דעם אמת'ן תכלית פון אונזער עקזיסטענץ

### די עבודה פון 'קריאת שמע'; אָנהויבן כאַפּן אונזער 'תכלית הטוב'

די תורה הק' זאָגט אונז: "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך", איז דער **אור החיים הק'** מסביר אַז אַ איד דאַרף זיך מתבונן זיין אַז דער רבוש"ע איז דער 'מקור הטוב', דער אויבערשטער איז די בעסטע זאַך וואָס איז פאַראַן, דאָס וועט אים ברענגען אַז ער זאָל זיין גרייט זיך צו מוסר נפש זיין. דאָס איז טייטש דער פסוק: "והיו הדברים האלה על לבבך", אַז אַ איד דאַרף ליינען קריאת שמע צוויי מאָל אַ טאָג, ווייל דעמאָלט איז ער זיך מתבונן אַז **ווען ער דינט השי"ת ווערט ער אַ 'מרכבה לשכינה'**; ער מאַכט אַז די שכינה זאָל ריען אויף אים און דעם אויבערשטנ'ס נאָמען זאָל ווערן מפורסם אויף דער וועלט.

ביי קריאת שמע דערהערט אַ איד אַז **דאָס איז די שפּיץ פון דעם גאַנצן תכלית אויף דער וועלט** און דערפאַר איז ער מסכים אפילו צו אַוועקגעבן זיין לעבן פאַר דעם תכלית!

## צוביסלעך קען יעדער איד אָנקומען צו דער הבנה

געוויס קען מען נישט אויף איינמאָל קונה זיין אַזאַ געוואַלדיגע הבנה. מען דאַרף מאַכן קליינע טרעפּלעך צו אָנקומען צו דערהערן די זאַך ריכטיג. צו שפירן און פאַרשטיין אַז אונזער תכלית איז העכער פון דעם עולם הזה.

ווען אַ איד איז מסכים אַוועקצוגעבן זאַכן פון "סור מרע" ווייל ער גלייבט אַז דאָס איז זיין אמת'ער תכלית; אָדער ווען אַ איד איז מקבל אויף זיך צו אויסנוצן יעדן טאָג צען -פופצן מינוט מער אויף "עשה טוב", צו טון אַ גוטע זאַך, ווייל דאָס איז דער תכלית הטוב; **דעמאָלט איז ער מקיים דעם ציווי פון "והיו הדברים האלה על לבבך"!** ער ברענגט אַריין ביי זיך אין האַרץ אַז דאָס איז טוב! ער ווערט נאָנטער צו שפירן אַז זיין גאַנצע לעבן איז בלויז צו אָנקומען צו די שלימות'דיגע תכלית!

און אויב טוט מען טאַקע די 'קבלות טובות' מיט אַט דעם ריכטיגן צוגאַנג, אַז מען וויל דערמיט מגלה זיין דעם אויבערשטנס נאָמען, דעמאָלט גייט געשען אַסאַך שינויים לטובה ביי דעם מענטש! ער גייט ווערן אַן אַנדערער סאָרט איד!

ערשטנס, וועט אים דער רבוש"ע אַריינלייגן די ריכטיגע הרגשים, ווייל **ווען אַ איד איז אַ "בא לטהר" דעמאָלט באַקומט ער די מתנה פון "מסייעין אותו"!** מ'גייט אים העלפן אַז ער זאָל שפירן ריכטיג דעם 'ואהבת את ה' אלקיך' און ער זאָל זיך קענען דערנענטערן צו זיין אמת'ער תכלית.

אויסערדעם וועט ער זוכה זיין אַז ס'וועט זיין "שם שמים מתאהב על ידו". דאָס איז דאָך אויך אַ חלק פון דער מצוה פון "ואהבת" אַז דעם אויבערשטנס נאָמען וועט ווערן דערהויבן דורך דיר. נישט בלויז ווייל ס'איז אַזוי שיין און זיס ווען אידן פירן זיך ערליך אַז מענטשן זאלן זאָגן: "מי כעמך ישראל - אַזעלכע פיינע מענטשן"... נאר **ווייל דאָס ברענגט דעם תכלית אַז דער שם שמים ווערט נתגדל ונתקדש!** דער איד ווערט אַ שליח וואָס דורך אים ווערט די וועלט געטוישט אַלס אַ בעסערע פּלאַץ!

## די שייכות פון 'שירת הים' איז דער 'קידוש שם שמים' דערפון

מיר ווייסן דאָס גרויסקייט פון זאָגן די שירת הים פון "אז ישיר משה", ווי עס שטייט אין **זוהר הק'** אַז ווען מען זאָגט דאָס בשמחה ברענגט דאָס ישועות און אַ שפע. פאַרוואָס?! ווייל **ווען אידן האָבן געזאָגט די שירה ביים ים איז געשען די 'תכלית הבריאה' אויף דער וועלט!** נישט קיין פשוט'ע 'תכלית הבריאה'! די וועלט האָט אויף אַמאָל באַקומען אַ מורא'דיגע קלאָרקייט אין די מציאות פון השי"ת!

ביז דעמאָלט זענען אידן געווען אונטערדרוקט אונטער די מצרים. אידן האָבן געהאַט אַלע נסיונות פון דעם 'ערות הארץ' און זיי האָבן זיך געפינען אין די מ"ט שערי טומאה. אָבער דער רבוש"ע האָט זיי אַרויסגעריסן פון דאָרט, אין זכות פון "שלא שינו את לשונם, שמם, ולבושם". זיי האָבן מקיים געווען די מצוה פון קרבן פסח און געליגט די בלוט אויפ'ן משקוף, דערנאָך איז געווען דאָס מסירת נפש פון 'נחשון בן עמינדב', דאָס אַלעס האָט זיי געברענגט דערצו אַז משה רבינו האָט געשפּאָלטן דעם ים סוף און **ס'איז נתגלה געוואָרן אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט!** דאָס איז געווען אַ מאָמענט פון תכלית הבריאה ווען די גאַנצע וועלט האָט מיטגעהאַלטן און קלאָר געזען אַז "ה' ימלוך לעולם ועד!".

ביי די 'שירת הים' זענען אַלע אומות העולם געפאַלן - "שמעו עמים ירגזון", ווייל ס'איז אַנטפּלעקט געוואָרן אַז "כי לה' המלוכה ומושל בגוים והי' ה' למלך על כל הארץ", **נישט בלויז "ה' אחד"** נאָר אויך **"ושמו אחד", אַלע זענען מכיר אין זיין אלוקות!** ס'איז אַראָפּגענומען געוואָרן די גאַנצע קליפּה וואָס האָט אַרומגענומען די וועלט פון דער תחלת הבריאה - וואָס דער פסוק זאָגט דערויף "והארץ היתה תוהו ובוהו" און דערנאָך איז דאָס נאָך שטאַרקער געוואָרן דורך דעם חטא פון 'עץ הדעת' - אַצינד איז דאָס אַראָפּגעפאַלן און **ס'איז נתגלה געוואָרן די אמת'ע 'תכלית הבריאה'**. דערפאַר איז 'שירת הים' אַזאַ געוואַלדיגע זאַך!

## די עבודה פון אַ איד איז אַלעמאָל צו דערגרייכן אָט דעם תכלית

אַ איד דאַרף אָנהויבן לעבן אַזאַ סאָרט לעבן וואָס זאָל אים טראָגן צו דעם תכלית: **"דאָס זוך איך! פאַרדעם לערן איך, פאַרדעם דאַוון איך, פאַרדעם גיי איך צו דער אַרבעט, פאַרדעם בין איך מחנך מיינע קינדער, יעדע זאַך וואָס איך טו איז כדי דעם אויבערשטנס נאָמען זאָל נתפרסם ווערן."**

און דער רמב"ם לערנט אונז אַז ווען אַ איד טוט אַזוי, דעמאָלט גיט אים דער אויבערשטער שכר, **אויך אויף דער וועלט**, אויסער די שכר וואָס ער גייט באַקומען אויף יענע וועלט.

ווייל ווען אַ מענטש איז פאַרנומען צו מפרסם זיין דעם שם שמים, דורך ליינען קריאת שמע, דורך לערנען תורה, דורך זיך מדבק זיין במדותיו ית"ש, דורך תשובה טון, זאָגט אים דער אויבערשטער: "דו גייסט אויפ'ן ריכטיגן וועג, אָט אַזוי, איך האָב דיך ליב, דו ברענגסט מיך אַ נחת רוח!".

דעמאָלט קען אַ איד בעטן: "רבוש"ע, העלף מיך ווייטער גיין", און **דער אויבערשטער וועט אים טאַקע געבן די גשמיות'דיגע געברויכן וואָס זאָל אים אַרויסהעלפן!** דער אויבערשטער איז מבטיח די גאַנצע פרשה פון "והיה אם שמוע" - איך וועל דיך געבן רואיגקייט, איך וועל דיך געבן אַ בית המקדש, קרבנות, וועסט זוכה זיין צו "יֵרָאֶה - יִרְאֶה", וועסט באַקומען אַן 'ארץ זבת חלב ודבש', וואו דו וועסט האָבן גענוג 'באַקוועמליכקייט', 'פאַרזיכערקייט' און 'תענוג' אַז זאָלסט קענען אָנקומען צום 'תכלית השלימות'!

## די 'תענוג הנשמה' איז אויך נישט דער ענד - ציל

דער אמת איז אַז אפילו ווען די נשמה האָט אַ מורא'דיגע תענוג, נאר פון השי"ת אליינס, **איז דאָס אויך נישט דער תכלית.** די תכלית פון דער בריאה איז נישט אַז די נשמה זאל האָבן תענוג! ס'איז טאַקע די נענטסטע זאַך וואָס איז דאָ צום תכלית, אָבער די גרעסערע שלימות'דיגע תכלית איז נאָר איין זאַך: "והיה ה' למלך על כל הארץ"!

דער הייליגער **ישמח משה** זי"ע האָט געזאָגט אַז ער איז גרייט צו ווערן פאַרוואָרפן פון ביידע וועלטן אַבי ס'זאָל שוין זיין "יתגדל ויתקדש שמיה רבא". דאָ ליגט אַ הסבר וואָס גיט אונז צו פאַרשטיין וואָס איז דער אמת'ער תכלית פון דער וועלט; די איינציגע תכלית איז "יתגדל ויתקדש"! דעריבער זאָגן מיר טאַקע קדיש אַזויפיל מאָל, און ווי חז"ל זאָגן אַז מען דאַרף זאָגן "אמן יהא שמיה רבא" בכל כוחו ובכל כוונתו, **ווייל דאָס איז וואָס מיר זוכן!** מיר ווילן אָנקומען בלויז צו דעם! דאָס איז די בעסטע זאַך וואָס קען זיין! דער רבוש"ע איז דאָך דער 'מקור הטוב' און ווען עס ווערט נתגלה מער אלוקות אויף דער וועלט ברענגט דאָס מער 'טוב' און ברכה אין אַלע וועלטן!

## געדענקן דעם תכלית אויך ביים דאַווענען אויף עוה"ז

"והיו הדברים האלה על לבבך" איז טייטש: זיי זיך מתבונן אַז דער תכלית פון אַלעם איז "ואהבת את ה' אלקיך"! און ווען דו דאַוונסט אויף ישוב הדעת מאַך זיכער אַז דאָס גייט טאַקע ברענגען אַ נוצן פאַר דיין תכלית!

ווען אַ יונגל וואָס בעט פון זיין טאַטע: "כ'קען האָבן הונדערט דאָלאַר?!", וועט די ערשטע נאַטירליכע פראַגע פון דעם פאָטער זיין: "וואָס פלאַנסטו צו טון דערמיט?!". ווען אַ מענטש בעט פאַר באַקוועמליכקייט, פרעגט אים דער אויבערשטער אַן אויפריכטיגע שאלה: "וואָס גייסטו טון דערמיט?!".

ג

# או אז יכנע לבבם הערל; דער 'תכלית הטוב' וואָס קומט אַרויס אין אַ צייט פון ענגשאַפט חלילה

## די גרויסע כבוד ה' איז ווען ס'גייט גוט פאַר אידן

יעצט לאָמיר זען וואָס פּאַסירט ווען אַ איד געפינט זיך אין אַן עת צרה, איבערהויפּט ווען עס פּאַסירט פאַר'ן כלל אַזאַ ביטערע געפערליכע צרה.

אודאי איז אַ גרויסער קידוש ה' ווען אַלע אומות העולם פאַלן און אידישע קינדער האָבן אַלעס וואָס זיי דאַרפן. אידן זיצן 'איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו' מיט דער שכינה הק' אין בית המקדש. ווי דער **מלבי"ם** טייטשט דעם פסוק וואָס שטייט ביי די 'פרשת המן' - "ובוקר וראיתם את כבוד ה'", אַז

**דער גרעסטער כבוד ה׳ איז ווען אידישע קינדער האָבן אַלע זייערע צרכים און באַדערפענישן מיט אַ ברייטע האַנט.**

## אַמאָל מוז קומען אַ ׳תוכחה׳ צו ערגענצן דעם גרויסן ציל

די שאלה איז אָבער: **וואָס טוט זיך ווען אידן האָבן טאַקע אַלע זייערע באַקוועמליכקייט און צרכים, אָבער סוף כל סוף ווערט נישט נתקיים דער גרויסער תכלית?!** ס׳איז דאך דאָ אַ תכלית אַז דער כבוד מלכות שמים זאל נתגלה ווערן, ס׳זאָל נתפּרסם ווערן אַז השי״ת פירט די וועלט! מען זיצט טאַקע באַקוועם און פאַרזיכערט אָבער ווען עס קומט צו דעם אמת׳ן תכלית, צו מגלה זיין אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, דאָרט איז די זאַך נישט מסדר, וואָס טוט זיך דעמאָלט?!

דער תירוץ דערויף שטייט בעצם אין די פּסוקים פון דער ׳תוכחה׳: **דער רבוש״ע איז דעמאָלט בוחר צו אַוועקנעמען אַביסל ׳באַקוועמליכקייט׳ און ׳תענוגים׳, ווייל דאָס גייט ברענגען אַז אידן זאלן אַוועקגיין פון די גרויסע ריזיגע קליפּות פון ״כוחי ועוצם ידי״!** דאָס גייט אויפוועקן אידן פון די פאַרשלאָפנקייט וואָס מען טוט חלילה עבירות און מען האָט נישט דעם ריכטיגן צוגאַנג אין לעבן! עס גייט ברענגען נענטער כלל ישראל צום אויבערשטן, וואָס דאָס איז דאך די ענדגילטיגע תכלית!

אויב השי״ת זעט אַז אידן קענען בעסער אָנקומען צום תכלית פון דביקות בה׳, אָבער דאָס גייט זיין אויפ׳ן חשבון פון די דריי זאַכן, ׳באַקוועמליכקייט׳, ׳פאַרזיכערקייט׳ און ׳תענוגים׳, וועט עס געשען, טראָצדעם וואָס דאָס איז פאַרבינדן מיט ׳צער׳ און ׳דינים׳, **ווייל באמת איז דאָס די גרעסטע ׳טוב׳!** דער אויבערשטער איז בלויז ׳טוב׳ און דביקות בה׳ איז די בעסטע זאַך!

## ׳ישוב הדעת׳ איז גוט אויב עס ברענגט ריכטיגע רעזולטאַטן

פאַרשטענדליך אַז ווען דער מענטש קוקט דאָס אָן, ווערט אים זייער אומבאַקוועם. דער רבוש״ע האָט דאָך געמאַכט אַז ס׳זאָל זיין אומבאַקוועם. **דער מענטש מיינט אַז דאָס איז נישט ׳טוב׳.** ער קלערט אַז דער מושג פון ׳טוב הנסתר׳ איז עפּעס אַ וואָרט וואָס מיר פאַרשטייען נישט דעם באַדייט דערפון.

ס׳איז אמת אַז מיר פאַרשטייען בכלל נישט אַלע חשבונות פון הימל. מיר ווייסן גאָרנישט און וויאַזוי קען אַ ׳נברא׳ אַריינרעדן מיט זיין נאַרישע שכל צו פאַרשטיין די חשבונות פון דעם גרויסן ׳בורא׳?! אָבער דאָס וואָס עס שטייט אין חומש רש״י מעגן מיר דאך לערנען און וויסן.

די תורה שטעלט אונז פאר אַ פּשוט׳ע חשבון: ווילאַנג אַ איד טוט זיין פליכט, ער דינט דעם אויבערשטן, **דעמאָלט האָט די ׳באַקוועמליכקייט׳ און ׳זיכערקייט׳ אַ תכלית, ווייל דער ׳ישוב הדעת׳ העלפט אים ווערן נענטער צו השי״ת!** אָבער אויב חלילה נישט, דעמאָלט זאָגט דער פּסוק אַז ס׳וועט זיין ״תקיא הארץ אתכם״. דאָס איז אַן איינפאַכע רעזולטאַט, אַ תוצאה פון דיינע מעשים! דער אויבערשטער זאָגט: ״איך וועל אַוועקנעמען דיין ישוב הדעת, ווייל עס טוט אויף דאָס פאַרקערטע פון איר ציל, עס דערווייטערט דיך פון דעם תכלית וואו דו דאַרפסט אָנקומען!״

> **ווען אַ מענטש בעט פאַר באַקוועמליכקייט, פרעגט אים דער אויבערשטער אַן אויפריכטיגע שאלה: ״וואָס גייסטו טון דערמיט?!״.**

## אַז די ׳טוב׳ מאַכט פאַרגעסן פון השי״ת ווערט עס אַוועקגענומען

אַזוי טוט דער אויבערשטער מיט׳ן פּרט אַלעמאָל. ווען ער זעט אַז די מחשבה פון דעם מענטש איז אַריינגעטון אין נאַרישקייטן. זיינע תשוקות און זיינע שאיפות איז נישט אויפ׳ן ריכטיגן פּלאַץ, און אפילו אויב דער מענטש שטרעבט יאָ באופן כללי צום גוטן תכלית, אָבער דער יצר הרע כאַפּט אים צומאָל אַריין און מאַכט ער זאָל פאַרגעסן פון דעם אמת׳ן מטרה.

אין אָנהויב האָט דער מענטש געוואָלט האָבן געלט כדי צו באַקומען די ישוב הדעת צו קענען זיצן און לערנען, אָבער למעשה איז שוין אַריבער אַ האַלב יאָר און **ר׳ איד, איר לערנט נישט קיין וואָרט, ווייל איר זענט פאַרנומען אויפ׳ן טעלעפאָן צו פאַרזיכערן אַז די אינוועסטמענט זאל מצליח זיין,** ווייל נאר אַזוי וועט ער דאָך האָבן ישוב הדעת צום לערנען...

דעמאָלט נעמט דער אויבערשטער אַוועק די באַקוועמליכקייט, כדי צוריקצוברענגען דעם מענטש, ער זאָל מפשפש זיין במעשיו און ער זאָל זיך דערמאַנען וואָס איז זיין אמת׳ע תכלית. אַזוי ווערט נתקיים דער מאמר חז״ל: ״כל המקיים את התורה מעוני, סופו לקיימה מעושר״, ווייל דער מענטש כאַפּט זיך און איז זיך מחזק מיט תורה ומצות.

## ער האָט אויסגענוצט זיין ׳ישוב הדעת׳ צו קוקן נייעס...

דאָס שטייט אין דער פּרשה פון ״והיה אם שמוע״; **הייב אן דינען השי״ת ווען דו ביזט נישט באַקוועם!** דערמיט ביזטו משריש אין דיין האַרץ אַז דער תכלית פון אַלעס איז תורה און קרבת אלקים. צוביסלעך, ווען דער אויבערשטער וועט זען אַז דו ביזט שוין גרייט אין אַ געוויסע תחום, וועט ער דיך דאָרט געבן באַקוועמליכקייט און ער וועט זען אויב דו קענסט שוין זיין באַקוועם און דאָס זאָל נישט זיין קיין שטער פאר דיין עבודת ה׳, עס זאל חלילה נישט זיין קיין ״שמנת עבית כשית״.

דאָס איז דער יסוד. אַ מענטש דאַרף כאַפּן אַז דאָס איז די ריכטיגע מהלך אויף דער וועלט, נישט בלויז איז דאָס אַ בדוחק׳דיגע תירוץ פאַרוואָס ס׳איז דאָ שווערע מצבים, **נאר דאָס איז ממש דער ׳אמת׳ אפילו על פי סברא!** וויפיל מער אַ מענטש פאַרשטייט דאָס ווען עס קומט צו זיך אליינס אין זיינע געווענליכע טעג, זיינע פּשוט׳ע מאָנטאָג׳ס און דינסטאָג׳ס, באַמערקט ער אַז דער רבוש״ע האָט צוגענומען אַביסל פון זיין ׳ישוב הדעת׳ ווייל דער מענטש האָט דאָס אויסגענוצט צו קוקן נייעס...

דער מענטש האָט ב״ה געהאַט געלט מיט רואיגקייט, גאָרנישט האָט אים נישט געשטערט און בעצם האָט ער געקענט גאָרנישט טון פאַר עטליכע שעה, דאָס גייט אים נישט שאָדן מאַכן קיין געלט, האָט ער מחליט געווען דאָס צו אויסנוצן צו ליינען עטליכע שעה נייעס... ער האָט אויסגענוצט זיין ׳ישוב הדעת׳ דערפאַר.

יעצט קען ער שוין נישט, ווייל דער רבוש״ע האָט אים אַוועקגענומען אָט די באַקוועמליכקייט און ישוב הדעת. יעצט זאָגט: **״איך קען נישט יעצט רעדן די נייעס ווייל כ׳דאַרף ברענגען ברויט פאר מיין שטוב מיט קינדער, כ׳וואָלט זייער געוואָלט אָבער כ׳האָב נישט די צייט דערפאַר״.** אָדער קען מען אים הערן זאָגן אין טעלעפאָן פאר אַ חבר: **״דו רופסט מיך צו שמועסן פּאָליטיק, ווייסט אַז אַז כ׳בין יעצט אין שפּיטאָל מיט אַ קינד, כ׳האָב נישט קיין פּלאַץ אין מיין נפש פאר אַזעלכע שטותים״...**

וואָס ליגט אונטער דעם?! אַז דער רבוש״ע זאָגט: ״איך וויל דיך העלפן אַז דו זאָלסט האָבן ישוב הדעת, כדי זאָלסט עס קענען נוצן פאר דיין תכלית פון גוטס!״. דער אויבערשטער איז אַגאַנצע צייט בוחן דעם מענטש אויף דעם. אַזוי זאָגט דער הייליגער רמב״ם.

## אויך ביי כלל ישראל פּאַסירט די זעלבע זאַך; אַלעס פירט צום גרויסן תכלית

צוערשט דארף אַ מענטש זיך צוגעוואוינען צו לעבן מיט אַזאַ התבוננות אין זיין אייגענע פּריוואַטע לעבן. אַזוי ווי דער **זוהר הק׳** זאָגט אויף דאָס וואָרט בראשית, אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט צוליב יראה. דער רבוש״ע וויל אַז דער מענטש זאל אָנהויבן כאַפּן וויאַזוי דער אויבערשטער פירט אַלע זיינע מאורעות **כדי אַז ער זאָל דורכדעם צוקומען צו יראת שמים.**

נאָכדעם וואָס דער מענטש איז זיך מרגיל אין זיין פּרטיות׳דיגע לעבן, וועט ער באַקומען אַן אַנדערע בליק אויף די בריאה, אויך בכלליות. ווען ער זעט אַז עס פּאַסירט שלעכטע זאַכן אויף דער וועלט, ס׳איז דאָ הריגות, ס׳איז דאָ אכזריות, ס׳איז אַ מורא׳דיגע גרויסע הסתר פּנים, דאַן מאַכט ער זיך דעם חשבון: ״לאָמיר נעמען אַ צעטל און אַראָפּשרייבן וואָס דאָ האָט פּאַסירט; פון איין זייט וועט מען שרייבן די אבידות וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען און פון די אַנדערע זייט ווען מען שרייבן די רווחים וואָס מען האָט פאַרדינט, און לאָמיר זען צי עס שטימט מיט דעם רמב״ם״.

יאָ, עס טוט זייער וויי צו שרייבן, עס איז שווער, דער מח איז נישט תופס וואָס דאָ איז פּאָרגעקומען, אָבער ס׳איז נישטאָ קיין ברירה. ער שרייבט: ״איין איד איז גע׳הרג׳ט געוואָרן ל״ע, נאָך אַ איד, צער, יסורים״, ער קען נישט ממשיך זיין שרייבן אַזויפיל שרעקליכע זאַכן, און ער פרעגט: ״וויאַזוי קען דאָס ברענגען אַ ׳טוב׳?! וואו ליגט דאָ ׳טוב׳?!״. זאָגט מען אים: ״אויב דו קענסט נישט ממשיך זיין, דעמאָלט הייב אן שרייבן אויף די אַנדערע זייט די רווחים

וואָס איז אַרויסגעקומען דערפון".

דער מענטש זאָגט: "איך האָב נישט וואָס צו שרייבן"... דאַרף מען אים צוהעלפן: "קום לאָמיר לערנען אינאיינעם; וואָס איז די ערשטע מצוה פון די עשרת הדברות, די תכלית פון די גאַנצע תורה ומצוות?! - אנכי ה' אלקיך. אָקעי, יעצט שרייב אַראָפּ אויפ'ן פּאַפּיר, **די יעצטיגע מצב האָט געברענגט מער הבנה אין 'אנכי' אָדער ווייניגער הבנה אין 'אנכי'?!".**

דער איד זאָגט ווייטער: "איך ווייס נישט, איך בין צעמישט"... העלפט מען אים און מ'איז מסביר: "די תורה זאָגט אַז אויב אַ מענטש שפּירט זיך פאַרזיכערט און באַקוועם מיט זיינע אייגענע כוחות, אַלעס איז געבויעט אויף 'כוחי ועוצם ידי', **איז דאָס אַ גרויסע ביטערע פּראָבלעם!** אויב אַ מענטש טראַכט אַזוי, און פירט זיך אַזוי מיט אַ 'כוחי ועוצם ידי', ער האָט נישט מורא פון קיין עבירות, איז דאָס די גרעסטע צרה".

דאַן זאָגט מען אים: **"קוק וואָס איז געשען ביי די צוויי יישובים פון 'שומרי שבת' וואָס די טעראָריסטן זענען אַהינגעגאַנגען אָבער זיי האָבן דאָס פּשוט איבערגעלאָזט.** דאָס איז אָפּגעכאַפּט קלאָר אויף די קעמערעס. זיי האָבן געהאַט אַ פּונקטליכע ליסטע פון 22 יישובים וואו זיי זאָלן אַריינגיין ה"י, אָבער אין די צוויי פּלעצער זענען נישט אַריין און זיי האָבן דאָרט גאָרנישט געטון! די צוים איז געווען פאַרשפּארט צוליב שמירת שבת! ס'איז נישט נוגע פונקטליך פאַרוואָס און וויאַזוי דאָס איז געשען, אָבער איז אַ חלק פון דעם סיפּור!".

דאָס נעמט נישט אַוועק פון די צער, פון די ווייטאָג און פון די אהבת ישראל, אָבער דער מענטש הייבט אן פאַרשטיין; **ס'איז דאָ אַ תורה, ס'איז דאָ אַ תוכחה און ס'איז דאָ אומבאַקוועמע מצבים וואָס דער רבוש"ע ברענגט.** קוק וואָס האָט פּאַסירט!

## די תקומה פון כלל ישראל נאָך די צווייטע וועלט מלחמה

## ווען אַ מענטש קוקט אויף צוריק, קען ער פאַרשטיין אַסאַך בעסער זאַכן.

למשל אויב מען באַטראַכט די מצב פון אידישקייט בעפאָר די צווייטע וועלט מלחמה. עס האָט בכלל נישט געטויגט, בכלל נישט! אודאי פאַרשטייען מיר גאָרנישט, מיר קענען נישט זאָגן קיין שום דעות, **ס'איז דאך אַזוי נאַריש אַז אַ נברא מיט ווייניג שכל זאָל קענען רעדן בכלל פון אַזעלכע זאַכן.** אָבער ס'איז דברים ידועים אַז די רוחניות'דיגער מצב בעפאָר די מלחמה איז געווען שרעקליך. ריזיגע חלקים פון דער יוגנט זענען געגאַנגען לטמיון. די גדולים וצדיקים פון אַלע מקומות האָבן אַזוי געוויינט דערויף, די השכלה מיט די אַנדערע באַוועגונגען און גרופּעס האָבן געמאַכט אַ חורבן עולם מיט דעם יונגען דור, אין אַלע מדינות.

למעשה קענען מיר נישט פאַרשטיין די זאַכן וואָס האָבן פּאַסירט, אָבער אַז מען קוקט צוריק זעט מען אַז די ירידה איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. נאָך דער מלחמה האָבן איבערגעלעבט צדיקים, וואָס האָבן נישט סתם איבערגעלעבט, נאר זיי האָבן צאַמגענומען 'אחד מעיר ושנים ממשפחה', זיי האָבן אויפגעבויעט אַ אידישקייט פון יראת שמים, דביקות אין רבוש"ע און תורה. געוויס דאַרפן מיר נאָך אַ גרויסע ישועה אַז מיר זאָלן לערנען תורה לשמה, האָבן יראת שמים, אַכט געבן אויף די אויגן, דאַווענען ווי אַ איד, אָבער ס'איז געוואָרן אַ נייע וועלט.

**"דאָס גייט ברענגען אַז אידן זאָלן אַוועקגיין פון די גרויסע ריזיגע קליפּות פון "כוחי ועוצם ידי"!**

## מיר האָבן בלויז איין תכלית; דאָס איז די איינציגע גוטס

אַלענפאַלס, דאַרף דער מענטש אָנהויבן פאַרשטיין אַז 'טוב' איז נישט 'באַקוועמליכקייט' און 'רואיגקייט'. **אויב ברענגט דיך עס נישט צום תכלית פון תורה ומצות איז דאָס גאָרנישט ווערד!**

ווען אידישע קינדער זענען אַריין אין ארץ ישראל און זיי זענען באַפוילן געוואָרן צו אומברענגען די זיבן פעלקער, האָט דאָס געהאַט איין תכלית: אַז דער איד דאָ, בעולם הזה, זאל אַנערקענען דעם אויבערשטן און נאָכדעם זאָל ער ברענגען די גאַנצע וועלט צו דעם ציל פון "והיה ה' למלך על כל הארץ". **ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע תכלית!**

אין דער מינוט וואָס אַ מענטש הייבט אן פאַרשטיין אַז דאָס איז דער תכלית, און ער ווערט נתקרב צו דעם תכלית, דעמאָלט הייבט אן קומען 'טוב' אויף דער וועלט! עס קומט צו נאָך אַ בעל תשובה און נאָך אַביסל אהבת ישראל, א.א.וו.

## געדענקן אַז די מעשים טובים בשעת צרה זענען נישט קיין 'אמצעי' - ס'איז דער ציל

מען דאַרף זיך טאַקע אויך מחזק זיין מיט דעם ענין פון אהבת ישראל. אַלע ווייסן די שנאה וואָס געווען צווישן אידן. די שורש פון 'שנאת חנם' קומט פון 'כוחי ועוצם ידי', פון גאוה און כפירה, ווען יעדער איינער זאָגט: "איך בין גערעכט, איך וועל דיך שטאַרקער ווייזן, איך פאַרשטיי אַלעס, דו פאַרשטייסט נישט"...

**אַ איד וואָס איז אַ נכנע, ער ווייסט אַז ער לעבט דאָ אויף געבאָרגטע מינוטן, דער אויבערשטער איז אים יעצט מחי' יעדע רגע, אַזאַ איד האָט נישט קיין צייט צו טראַכטן ווער ס'איז גערעכט...** ער גייט יעצט אויסנוצן זיין צייט צו פירן וויכוחים און מנצח זיין?! ער איז צו שטאַרק פאַרנומען צו זאָגן שירה... ער איז צו שטאַרק פאַרנומען ווייל זיין נפש זוכט איין זאַך: ער וויל תשובה טון און זיין נאָענט צום רבוש"ע אַז ס'זאָל זיין 'והיה ה' למלך על כל הארץ'!

ווען מען זעט אַז אין איין מינוט פאַלט אַלע מחיצות, אידן העלפן זיך איינער דעם אַנדערן, מען זאָגט תהלים פאר אַנדערע אידן, מען איז זיך מקבל קבלות מיט מעשים טובים ווייל מען האָט אינזין אַנדערע אידן, דאַרף מען געדענקן אַז: "דאָס איז נישט בלויז קיין אמצעי, נאר דאָס איז דער תכלית!".

## לאָמיר נישט וואַרטן אַז די 'דינים' זאלן אונז חלילה ברענגען די ריכטיגע התנהגות

די גרויסע קלעם און ווייטאָג איז אַז נאָכדעם ווען ס'גייט דורך די 'עת צרה' מאַכן מיר זיך דעם חשבון אַז: "יעצט איז שוין נישט וויכטיג זיך צו אויפפירן אַזוי"... וואו איז דער טעות?! דער טעות איז ווייל מען מיינט אַז דאָס וואָס בעת צרה דאַרף מען יעדן העלפן און לייגן אַלע מחלוקות אין דער זייט איז בלויז אן 'אמצעי'. ער נעמט אַריין אַ משפּחה אין שטוב, ער שיקט עסן פאר נויטבאַדערפיגע, און **ער מיינט אַז דאָס איז נאָר אן 'אמצעי', וויבאַלד זיי האָבן אַ פּראָבלעם דאַרף מען זיי העלפן.** אָבער ר' איד, הייב אן פאַרשטיין אַז **דאָס איז דער גאַנצער תכלית!** אָט די סעקונדע וואָס דו לעבסט ריכטיג, דו נוצט אויס דיינע כוחות הנפש צו טראַכטן וועגן 'תהלים', וועגן 'תשובה', וועגן 'ערליכקייט', **דאָס איז דער תכלית!**

די שאלה איז אויף אונז: **פאַרוואָס דאַרף מען אַלעמאָל וואַרטן אַז די 'דינים' זאלן דאס חלילה מאַכן?!** די שכינה הק' איז דאך אין אַ מורא'דיגער צער! פאַרוואָס קען נאר דינים ברענגען אַז דער מענטש זאָל פאַרשטיין אַז ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ און קיין צייט פאַר אַן אַנדערע סאָרט לעבן?!

דער מענטש זעט אַז די מצב האָט זיך אַביסל באַרואיגט זאָגט ער: "אָה, ס'האָט זיך באַרואיגט, לאָמיר נוצן אַביסל די ישוב הדעת צו ווייטער שטופּן מיינע אַגענדעס"... דאָס ברענגט דאך ח"ו אַז דער אויבערשטער זאל אַוועקנעמען די ישוב הדעת! דער אויבערשטער זאָגט: "פאַרוואָס זאָלן מירביידע זיין בצער?! ס'איז דאך בעסער אַז דו זאָלסט לעבן מיט'ן תכלית"!

בזמן שבית המקדש היה קיים, ווען אידן זענען געווען מיט אַ רואיגקייט "איש תחת גפנו ותחת תאנתו", האָט דאָס געהאַט איין תכלית: צו לעבן מיט'ן אויבערשטן. און אויב מען קומט נישט אָן צו דעם תכלית, **דעמאָלט דאַרף מען זיך געפינען אין גלות, וואו מען דינט השי"ת אויף אַן אַנדערע וועג;** מען בעט "ולירושלים עירך ברחמים תשוב"; מען וויינט ביי "את צמח דוד", און אַזוי קומט מען אָן צום אמת'ן תכלית פון 'טוב'!

מען דאַרף דאָס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל לערנען און חזר'ן, אָבער בעיקר דאַרף מען דאָס געדענקן ווען מען זאָגט תהלים פאר אַ צווייטן איד, אָדער ווען מען לערנט תורה און מען טוט תשובה צוליב אן 'עת צרה', אַז דאָס איז נישט די 'אמצעי' וואָס דורכדעם וועט די מצב צוריקגיין צום נאָרמאַלן שטייגער, **אודאי האָפט מען אַז ס'זאָל ווערן רואיג, אָבער דער תכלית איז נישט אַז מ'זאָל האָבן 'ישוב הדעת'!** דער תכלית איז אַז דורך די 'ישוב הדעת' זאָלן מיר קענען דינען דעם אויבערשטן און מגלה זיין כבוד מלכותו אויף דער גאַנצער וועלט, בב"א.

להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הבינני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223